• • •

אַז מיר דערמאָנען זיך דאָס יאָר ניינצן־אַכצן,
ווייסן מיר אַז אַלצדינג מיר קאָנען דערגרייכן —
פון אונטערן שטיוול, פון אונטער דער רוט אַפויער
מיר האָבן זיך דערהויבן צו העכסטע הייכן.

פאַרן אַקער אונזערע ווייבער, איינגעשפאַנטע — —
טויזנט־פערד־קראַפט־טראַקטאָר שפאַנען אונזערע טעכטער!
אָ, אַז אונזערע שטאָלצע זין אַציִנד מיר זעען
צעלאַכט זיך אונזער האַרץ מיטן רויטסטן געלעכטער.

יאָ, מיר וועלן באַפרייען די וועלט, זי אָפּראַטעווען
פון אונטערן שטיוול, פון אונטער די רוט אַפויער!
עס גייט אונזער טאַנק ווי אַן אַקער איבער דער ערד,
און דער וואָס דערויף זיצט ווי אַן ערליכער פויער.

נישט צו פאַרטיליקן דעם מענטש, אים צו צעשטערן,
אַלצדינג וואָס אויסגעקלערט זיין האַרץ ס׳האָט און דערפונדן, —
מיט טורבינען, מיט מאָטאָרן געכפּלט איז אונזער כוח
מיט נייע ליכטיקייטן אונזערע הערצער צעצונדן.

פונ׳ם קאַגעניקל קאָפּטשענדיק פאַר דער איקאָנע,
צו באַשיינע אַן אויסגעמאָגערטן דערלייזער,
צעצונדן זיינען אונזערע שטעט מיט טויזנט ליכטער,
די פינסטערסטע קעלער אין די אָרעמסטע הייזער.

— — — — — — — — — — — —

אַז מיר דערמאָנען זיך דאָס יאָר ניינצן־אַכצן,
גייט עס ווי העליש־פייער דורך אונזערע גלידער!
אַ ליכט איבער דער וועלט מיר האָבן אָנגעצונדן,
און אָנצינדן אַציִנד מיר גייען עס ווידער — — —

יעדעס מענטשליכע פּנים, וואָס אונטער דער זון,
איז לעבעדיקע איקאָנע הייליק צו פאַרערן!
נישט דעם פינסטערן טייוול און זיינע משרתים —
ס׳מוז די וועלט און אַלץ וואָס אין איר דעם מענטש געהערן!

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.





3 פעניס

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פון העפטל 20

# די רויטע אַרמיי

א. נ. שטענצל

---

(ווידמונג)

נישט אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ ציגל אויף אַ ציגל,
ס׳וואָלט דאָך קיין זכר פון אונז דאָ נישט געבליבן,
די מצבות צומאָל איבער אונזערע קברים
מיט אַרויסגעריסן און אויף שטויב צעריבן.

אַ וויסטער בית־עולם אַזאַ די גאַנצע שטאָט דאָ,
קופּעס מיט אַש אַלע גאַסן, אַלע סקווערן,
ווען נישט סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען נישט די רויטע אַרמיי — —
און קאָן עס נישט איצטער ווידער אַזוי ווערן?!

די גרעסטע הילף וואָס מיר קאָנען, ביז לעצטן אָנשטרענג,
ס׳איז אָפּצוראַטעווען אונזער אייגן לעבן — — —
מיר זאַמלען נישט נדבות פאַר דער רויטער אַרמיי —
מיר זיינען פאַרזאַמעלט „טשעסט" איר אָפּצוגעבן!!

מיר בויגען אונזערע קעפּ צו די העלדישע שריט,
און צו זייער פאָן מיר הייבן אויף די אויגן,
אין זייער בלוט זי טונקט זיך אַלץ גרעסער און גרעסער,
איבער גאַנצער וועלט צו ווערן אויפגעצויגן.

ווי ס׳פלאַטערט דאָס אַזאַ ליכטיקס אין יעטווידען האַרץ,
ס׳זאָל נאָר נישט צאַנקעדיג אויסגעלאָשן ווערן —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
מיר זאַמלען נישט נדבות פאַר דער רויטער אַרמיי —
פאַר זייער רויטער פאָן די גאָלדענע שטערן!

---

ביי דער פאַרזאַמלונג „הילף פאַר סאָוויעט רוסלאַנד"
לאָנדאָן־וויטשעפּל. 30.8.1942

## צו דער רויטער ארמיי

ווי ערשט ס׳וועט זיין, ווען די שלאַכט וועט זיין געשלאָגן,
אַז דער קאַמף שוין איז זיג איבער אַלע זיגן;
דורות גאַנצע, מיט העלדן־לידער פון אייך,
וועט מען וויינענדיקע קינדער פאַרוויגן.

אָפּגעווישט ס׳וועט ווערן פון אַלעמענס אויגן,
די טרערן איצט, וואָס הערן נישט אויף צו רינען;
דאָס פאַרגאָסענע בלוט אַ שלאַד נאָר ס׳וועט זיין,
אַז מענטש צו מענטש, אָ, זאָל דעם וועג געפינען.

מיר וויסן פאַרוואָס די שלאַכט, די געוואַלטיקע,
און די מיליאָנען די געפאַלענע טויטע:
אַז איבער גאָרער ערד פלאַטערן די פאָן,
אין די בלוטן געטונקענע אַ רויטע — — —

אַז דער קאַמף שוין איז זיג איבער אַלע זיגן,
ווי ערשט וועט זיין ווען די שלאַכט וועט זיין געווינען!
איבער דער גאַנצער וועלט, ווי די רויטע פאָן,
אַ העלדן־מעשה פון אייך וועט זיך שפינען

— — — — — — — — — — — —

איבער אַ שטיק אַטלעס איבער אַ רעם געשפאַנט,
מיט רויטן פאָדעם די לעגענדע צו העפטן,
ס׳איז איבער שניי איצט די נאָדלדיקע פראָסט —
אייער פיקע וואָס שטעכט מיט אַלע קרעפטן!

## א י י ז - ב ל ו מ ע ן

1

אונזער לעבעדיקן אָטעם מיר הויכן אויס
ביז די גאַנצע וועלט פול ווערט מיט אונזער גלויבן;
אָ, און וועלן נישט בליען די רויטע רויזן,
אַז מיט אייז־בלומען גייען אויף שוין די שויבן?

נישט אַרויסצוקוקן ס׳ברויך קיינער נישט אויף אונז
נישט וואַרטן זאָל מען אויף אונזער צוריקקומען,
נאָך געפאַלענערהייט מיר גייען אין מאַרש,
ביז דאָס לעצטע דאָרף אונזערס איז צוריקגענומען.

די רויטע רויזן ווען זיי וועלן בלוטיק בליען —
נישט אויף אונזערע קברים זאָל מען זיי לייגן!
פון אונזערע העלדן־קברים זיי אָפּגעריסן,
פאַר די געבליבענע מיט זיי זיך צו פאַרנייגן — —



ווי וווּנדערלעך רויט זיי וועלן דאָס דעמאָלט אויפגיין,
נישט נאָר פון אונזער בלוט — פון גליאיקן גלויבן!
ווי נישט נאָר פון אויסגעהויכטן אָטעם — פון לעבן,
די בליענדיקע אייז־בלומען איצט אויף די שויבן —

און הויכט אַ קינד אויס אַ לעכל אויף אַ פענסטער,
אויף זיין טאַטן נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן —
ס׳איז אַ פאַרווייעט בליטל, אים צו געפינען ווו,
צווישן די טויטע אין די שנייען, אַ פאַרשאַרטן — — —

2

נישט אין פאַרצעלאָנענע, נישט אין קריסטאַל וואַזעס,
ווייסע ליליעס אַרום פרישע קברים געשטעלט,
וואַקסענע ליכט אַזעלכע, אָנגעצונדענע,
טריפענדיקער טרויער, צאַנקענדיק אויפגעהעלט;

נישט רויטע רויזן, אין פרישן טוי געשניטענע, —
אין טרערן זיך לעשנדיקער טליענדיקער בליק! —
פון אבלים הכנעה׳דיק אַנידערגעלייגט,
גייענדיק אויסגעזיפצטע צו די היימען צוריק;

אָ, נישט פון אבלים און נישט אויף קברים —
מוטערל רוסלאַנד איז שטאָלץ איצט אויף אירע זין!
און יעדעס פענסטערל איר׳ס, יעדעס נידריקסטע,
אַ געשליפן גלאָז אַזאָ מיט אַ צווייגעלע יאַסמין.

אָ, אַזוי גרויס איז געוועזן די נויט אין אונזער לאַנד,
אַז אויפגעגאַנגען זי איז מיט צוויט שוין אויף יעדער שויב!
אָ, און אַז איך זע אייך מיינע קינדער, מיינע מוטיקע,
אין אונזער הייליקן, אין אונזער לעצטן זיג איך גלויב —

נישט ווייסע טויטן־ליליען, נישט געשניטענע רויזן —
אונזערע וווּנדער־בלומען אין די פענסטער געשטעלט:
אַ צייכן, אַז אַהיימקומען איר וועט, זין מיינע,
און אַז פון נויט באַפרייט ווערן ס׳וועט די גאַנצע וועלט.

## מ א ס ק ו ו ע

מיט די גלעקער פון דיינע קלויסטערס, מאָסקווע,
וועט מען אים באַגלייטן צו קבורה דעם מת;
פאַר דיינע פאַרבלוטיקטע טויערן, מאָסקווע,
וועט געשען אַצינד דאָס געוואַלטיקע נס —

דערטרונקען וועט ער ליגן, דער טייוול, דער שד,
אין די בלוטן וואָס פאַרגאָסן ער האָט!
יאָ, װאַז ס'איז דאָ אַן אויסראָטער, אַ שטן,
מוז דאָך זיין אַל אַננעמער, אַ גאָט — — —

— — — — — — — — — — — —

מאָסקווע, אַז מיט אַזוי פיל אומזיסטן טויט
ס'מוז געהייליקט ווערן דיין ערשטער דור,
און פון דיינע גאַסן — געבליבענע מויערן! —
אויסצוגראָבן אונטער זיי דעם „קבורת חמור".

פון דיינע חורבות אָבער, אַ שטיין אויף אַ שטיין,
וועט ווערן דער מאוזאָלעי פריש אויפגעבויט:
אַז ס'זאָל מיט הייליקן גלויביקן לעבן
געאייביקט ווערן דער מענטש — און נישט מער מיט טויט!

מאָסקווע, וויפיל גאָט מוז דאָס נאָך זיין אין דיר,
צו קאָנען דעם שטן אַזוי אַנטקייגן צו גיין — — —
מאָסקווע, דיין גערוואַלטיקן קאַמף, אַז מ'זעט,
מ'שעמט זיך נישט מער, אַ מענטש געבוירן צו זיין.

## א סאלוט פאר מאסקווע

נישט מיט פאַקל־צוגן, מיט אָרקעסטער־קאַפּעלעס,
נישט מיט סאַלוטן פון שיסנדיקע האַרמאַטן,
און נישט מיט געפלאַטער פון צעפּאָכעטע פענער,
אין פאַראַדן דעפילירענדיקע סאָלדאַטן.

נישט אַ צעוויקלטער הימל, אַ פולער מיט פרייד —
טויבן אַרום זון — צעוואָרקעטע אייראָפּלענער!
מיט אַנציענדיקן שניי־שטורעם ווילדע פייגל,
מיר פליען אָן איצט מיט בלוטיק צעפלאָמטע פענער —

אין אייגענעם בלוט, אין פרישן, אין פאַרגאָסענעם,
רויטער זיי געטונקען אינ'ם בלוטיקן איצטער!
דעם גאַנצן ערד־קיילעך פאַרבייצומאַרשירן,
ביז בלייבן ער וועט פון רציחות אַ באַשיצטער.

נישט מיט יובל־לידער, מיט אויפמאַרש־געזאַנגען,
נישט פאַרטויבטע גאַסן פון הילכער־מיקראָפאָנען —
ס'ווערט אַ שבועה אָפּגעגעבן אויף דורות גאַנצע,
אויסגעכאָרכלט פון די געפאַלענע מיליאָנען;



אונזערע ברענענדיקע שטעט איצט — פאַקל־צוגן,
מיר ציען אויס די גערעכטיקייט צו סאַלוטן!
7־טער נאָוועמבער פאַראַד — יעדער טאָג היי־יאָר,
באַפרייטע צוריקצוקומען, אָדער — פאַרבלוטן.

מיט רציחיש געסאָפּע פון טאַנקס, פון האַרמאַטן,
איבער אייגענע לייבער מיר מוזן מאַרשירן,
אַז נישט ליגנט זאָלן בלייבן אונזערע יאָרן:
די פרייהייט, אָדער אונזער לעבן צו פאַרלירן! —

אַ פאָן אַזאַ ס'טראָגט יעדער זיין לעבעדיקן לייב,
אין אייגן בלוט צו ווערן אַלץ רויטער און רויטער;
אַ צייכן, אַז שטאַרקער ווי ס'לעבן — די גערעכטיקייט:
אין די שלאַכטן איצט יעדער געפאַלענער טויטער!

נישט מיט פאַקל־צוגן, מיט אָרקעסטער־קאַפּעלעס,
נישט מיט סאַלוטן פון שיסנדיקע געווערן — —
אַ בלוטיקער פאַראַד אַזאַ איבער גאָרער וועלט,
ביז רציחה און מאָרד אויף אייביק ס'וועט אויפהערן.

## די באלאדע פון קליינעם וואלאדיא

I

מיט דער רויטער אַרמיי איז דער פאָטער מיט,
און די מוטער זיינע געשאָסן האָבן זיי,
האָט ער זיך, וואָלאָדיאַ, אַ רויטן אַרמייער
אויפגעשטעלט פון פריש געפאַלענעם שניי —

יאָ, נאָך איידער דער שניי־מענטש וועט צערינען,
מיט דער אַרמיי קומען דער פאָטער וועט צוריק!
אָבער די מוטער זיינע, די געשאָסענע — —
אָ, דעמאָלט, זיין טאַטנס שרעקלעכער בליק —

אַן אַנגעצונדענער ווי ביי אַ ווילדן וואָלף,
ער גייט איבער אים, איבער זיין גופ'ל אַצינד!
און זיי, די שונאים, ווען ער דערזעט זיי,
ס'רייסט זיך אין זיין האַרץ אַ קריעה'דיקער ווינד!

און וואָס איז, אַז ער איז קליין און קוים נאָך אַ קינד,
און קיין פיצל געווער נישט אין זיינע הענט,
אָבער די דערפער אַרום, ווו זיי שטייען,
אין יעטוועדער נאַכט — אַן אַנדערס פאַרברענט!

און ווען קומען ס'וועלן אונזערע צוריק,
וועט דער טאטע גיין דער ערשטער פאראויס:
ס'איז די נקמה געווען, נאך דער מאמען,
וואס האט געטריבן דעם שונא פון דארף ארויס —

— — — — — — — — — — — —

יאגט ער, וואלאדיא, אין וועלדער, פארשנייטע,
א וואלף, וואס באפאלט די דערפער ביינאכט;
און דער שניי־מענטש, אויפ'ן קבר פון זיין מוטער —
א רויטער ארמייער, וואס שטייט אויף דער וואכט!

2

איז בליציק שנעל, אדער פאמעלעך דער גאנג,
שרעקלעך איז דער וועג ווען מ'לויפט אויף צוריק!
ס'בלייבט שטעקן אן ארמיי א גאנצע דעמאלט —
א שליטן אפגעריסן פון פאסטראנעק־שטריק;

ס'יאגן ווילד די פערד זאווערוכעס ווינדן,
און ביז אין בויך ס'שטעקט דער שליטן אין שניי — —
פאראויס א וויסטעניש, אן אומענדליכע,
און הינטן יאגט נאך די רויטע ארמיי!

נישט קיין שליאך מער און נישט מער קיין סטעזשקע,
הימל און ערד און וויסטעניש און ווינט,
און מיט טויזנט בייטשן ס'טרייבט דער פראסט
ווי מיט שארפע מעסערס די הויט ער שינדט — —

און אין מיטן דרינען א רויטער ארמייער!
גרייט צו ווארפן זיך ער שטייט אויפגעשטעלט!!
א סקרוך ס'גייט איבער די לויפנדיקע,
פון מורא'דיקעד שרעק און שוידערליכער קעלט — —

זיי ווארפן זיך אנידער אלע פאראויס,
מיט אויסגעשטרעקטע, מיט געפרוירענע הענט — —
הימל און ערד און וויסטעניש און ווינט,
א וויוגע זאווערוכע דער גאנצער אן־ענד —

— — — — — — — — — — — —

און ווען וואלאדיא'ס פאטער, מיט זיין ארמיי,
צו דעריאגן דעם שונא, זיי קומען דארט אן,
האט וואלאדיא שוין אויף זיין מוטער'ס קבר,
אין זיין ארמייער'ס הענט געשטעקט די רויטע פאן.



## ווי די וואלגא אין איר ווילדן אויפשוים

1

ווי די וואלגא אין איר ווילדן אויפשוים
וועט אראפווארפן אין פרילינג דאס אייז, —
טויזנטער מיל־רעדער דרייענדיק! —
אזוי אונזער בלוט אויפגעברויזט מיט דערלייז.

ס'איז דער ערד־קיילעך א יאגנדיק ראד,
און נישט אויפהערן מער צו דרייען זיך ער וועט, —
אונזער בלוט דאס פלייצן איבער איר! —
ביז ברויט ס'וועט זיין פאר אלעמען צו דער זעט.

אין לעדערנע רימען, צעפאסמעוועט,
אזוי לאנג וועט מען שינדן לעבעדיק די הויט
ביז פאר אלעמען, פאר יעדן מענטש,
די פעלדער מיט זייער וואקסנדיק ברויט — —

ס'האט די נויט פון די מיליאנען דערדריקטע
געמאכט איצט אונזערע כוחות אזוי גרויס,
ווי די וואלגא אונטער איר אייז־דעק
וועלכע רייסט זיך מיט געוואלטיקן געברויז.

2

ס'מוזן די טייכן ארויס פון די ברעגעס,
צו פרישן וווקס אויפווייכן די ערד,
אז אין אירע פארטרונקטע שטיקער
די זריעה נישט פארקומען מער ווערט.

אזוי מוזן איצטער אונזערע לייבער,
זידיק מיט אונזער בלוט איבערגיין,
אז ווייכער ווערן אונזערע הערצער,
איינער דעם אנדערן צו פארשטיין.

וואסערע זריעות ס'מוזן דאס אויפגיין,
אלע הונגעריקע צו מאכן זאט:
נישט בלויז מוז דאס ברויט צייטיקן אויף פעלד,
מענטשנס הארץ איז אויך נאר אזא בלאט —

ס'מוז זיך אין זיינע טיפסטע פינסטערנישן
אויפוויקלען מיט גוטסקייט און מיט גנאד,
פונקט ווי די מיליאנען בליטן־בלעטלעך
אין א פארשנייט איצט, פאראייזטן סאד.

3

און אַז דער פרילינג וועט אָנקומען
און רויטער ווי די וונדערליכסטע רויז,
ס׳וועט אונזער ערד זיין אויפגעבראָכן
מיט אירע בלוטיקע וונדן נאָר בלויז.

ווי אַ פרישער קנאָספּ פול מיט זוימען
ז׳וועט זיך עפענען מיט גיפטיקן טויט,
אויסטראָגן מגפות, פינסטערע,
אין איר צייטיק אויפגעקוואָלענער שויט —

אין אַלע הערצער וועט אויפגיין דעמאָלט,
רוסלאַנד, דיין וונדערלעך ליכטיקער רום,
ווי דורך דער פינסטערער ערד אַדורך
ס׳קנאָספּעט אויף די ערשטע פרילינג בלום —

אַלע אונזערע אָפענע וונדן,
יעדער אונזער אויסגעבלוטיקטער שניט,
אויפגיין זיי וועלן איבער גאָרער ערד,
אַזאַ ליכטיקער וונדערליכער **צוויט.**

4

„העי אוכניעם — —"

ווי געשליפן שאַרף ס׳מוז דאָס זיין דער דאָרן,
אַז בליען אויף אים זאָל קענען די רויז,
אַזוי אויף פאַרבלוטיקטן שפּיץ־מעסער איצט
מיר טראָגן אין האַרצן די גוטסקייט אויס.

אַלץ שוין מיר ווייסן און מיר קענען דעם מענטש,
און אַז פאַרשוואַכט ס׳איז זיין הייליקסטער סוד — —
אָבער בליען נישט פרישע רויזן ווידער,
ווען די לעצטע אָפּגעוויאַנעט שוין האָט ?

און קנאָספּען רויטע רויזן אויף דעם נאָר אויף,
אַז אינזעקטן זאָלן זייגן זייער זאַפט ??
אַזוי מיר, מיר וועלן נישט פאַרבלוטיקן,
אויפגייענדיק מיט אונזער גאַנצער קראַפט !

אַלץ שוין מיר ווייסן און מיר קענען דעם מענטש :
אַ חיה אַזאַ אין גאָט זיך פאַרשטעלט !!
שטייען מיר מיט געשליפענעם שפּיץ־מעסער,
ביז אויסטראָגן מיר וועלן אַ נייע וועלט.

געדרוקט ביי י. נאַראַדיצקי 131־129 קאָוועל סט., א.1.

העפטל 30 — 4 פּענס

# טעג פון צער

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן-ווייטשעפּל — 24—14 דעצעמבער 1942.

## אין טעג פון צער

שטיי איך אויף פאַרמאַטערט נאָך האַלבער נאַכט,
אויף מיין געלעגער נישט איינצוליגן,
דער טבת־ווינט דרויסן פאַרן פענסטער,
ווי ר׳וואָלט וואָיען אַזאַ יאָמער ניגון.

אין האַרצן דרינען פיל איך זיין שלאָכצן
און אויף מיינע באַקן זיינע טרערן,
און ווי נשמה־קנייטלעך נאָך טויטע
אָנגעצונדן אָנצאָליקע שטערן.

זיי טיקן זיך לעשנדיק צאַנקנדיק,
מיין טליענדיק האַרץ ס׳וויל מיט־אויסלעשן,
ווי נאָך האַלבער נאַכט אַ פינסטערער ווינט
עס רייסט זיך אַרויס פון מיר אַ העשן :

מ׳קאָן דען ציילן די שטערן אין הימל,
אַזוי אונזערע באַוויינטע מתים — —
דער גאַנצער דרויסן אַ קופּע טויטע
צוגעדעקטע מיט שוואַרצע טליתים — — —

* * *

גייט די זון גאַנצע נעכט אַרום דער ערד,
אַ געוואַלטיק קבר אויסצומעסטן,
דאָס קנייטל צו ציען, אויסצוּוויקלען,
פאַר דעם נשמה־ליכט פאַר דעם גרעסטן,

צו די מענה לשון׳ס אירע שטילע,
און צום כסדר׳דיקן אויפכליפּן
ס׳שאָקלען זיך מיט די שאָטנס פון די ווענט,
און ס׳אויפציטערן פון מיינע ליפּן :

אַז טאַטע מאַמע און קינדער אַלע
אויסגעקוילעטע און אויסגעשאָכטן,
ווער וועט ס׳נשמה־קנייטל אָנצינדן,
ווען ס׳וועט זיין פאַרטיק שוין אויסגעפלאָכטן ?